# דער דריטער בריוו פון דעם שליח יוחנן

1 דער זקן צו גאיוסן דעם געליבטן,
וועמען איך האב באמת ליב.
2 געליבטער, איך טו תפילה, אז אין אלעם
זאלסטו מצליח זיין, און זיין געזונט,
3 אזוי, ווי עס גייט גוט דיין נשמה. ווארום
איך האב מיך זייער געפריידט, ווען
ברידער זענען געקומען און האבן עדות
געזאגט וועגן דעם אמת אין דיר, וויאזוי
4 דו לעבסט אין דער ווארהייט. קיין
גרעסערע פרייד האב איך נישט, ווי צו
הערן, אז מיינע קינדער לעבן אין דעם
אמת.
5 געליבטער, דו האנדלסט געטריי אין
דעם, וואס דו טוסט פאר די ברידער
6 און פאר די אורחים, וועלכע האבן עדות
געזאגט וועגן דיין ליבע פאר דער קהלה;
דו וועסט טאן גוט, אויב דו וועסט זיי
ווייטער שיקן ווי עס איז ראוי פאר ה׳;
7 ווארום פאר זיין נאמען וועגן זענען זיי
ארויסגעגאנגען, נישט אננעמענדיק קיין
8 זאך פון די גויים. מיר זענען דעריבער
מחויב אויפצונעמען אזעלכע, כדי מיר
זאלן ווערן מיטארבעטער אין דעם אמת.

9 איך האב עפעס געשריבן צו דער קהלה;
נאר דיאטרעפעס, וועלכער האט ליב צו
זיין ביי זיי א ראש, נעמט אונדז נישט אָן.
10 דערפאר, ווען איך וועל קומען, וועל איך
אים דערמאנען די מעשים, וואס ער טוט,
בארעדנדיק אונדז מיט בייזע רייד; און
נישט צופרידן מיט דעם, נעמט ער אליין
נישט אויף די ברידער, און פארווערט
יענע, וואס ווילן (עס טאן), און טרייבט
11 זיי ארויס פון דער קהלה. געליבטער, טו
נישט נאך דאס שלעכטע, נאר דאס גוטע.
ווער עס טוט גוטס, דער איז פון ה׳; ווער
עס טוט שלעכטס, דער האט נישט געזען
12 ה׳. וועגן דעמעטריוסן האבן אלע (גוט)
עדות געזאגט, אפילו דער אמת אליין; און
אויך מיר זאגן עדות; און דו ווייסט, אז
אונדזער עדות זאגן איז ווארהאפטיק.
13 איך האב געהאט א סך צו שרייבן צו
דיר; נאר איך וויל עס דיר נישט שרייבן
14 מיט טינט און פעדער; איך האף אבער
דיך צו זען אין גיכן, און (דעמאלט) וועלן
15 מיר רעדן מויל צו מויל. שלום צו דיר.
(אונדזערע) פריינד געבן דיר אפ שלום.
גיב אפ שלום די פריינד יעדן ביים נאמען.

Israel for Artists ©
Commons Creative a under licensed is work This
License. International 4.0 Attribution-NonCommercial-NoDerivatives